על חתונת הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק מוהר״ש עם כבוד א״ז הרבנית הצדקנית מרת רבקה, בשנת תר״ט, הי׳ הוד כ״ק אאזמו״ר צמח צדק בחדוה גדולה ואמר הרבה דא״ח. בשבע ברכות בפעם האחרונה אמר מאמר משיח אתא לאתבא צדיקיא בתיובתא, מאמר עמוק במאד מאד. ואמר בזה״ל: אַ צדיק׳ש תשובה האָט גאָר איין אַנדער טעם און אַן אַנדער געשמאַק[108].

החסידים הגדולים: ר׳ אייזיק האמ־ליער, ר׳ נחמי׳ דובראַוונער[109], ר׳ אייזיק מוויטעבסק, ר׳ הלל פאריטשער, ר׳ פרץ בעשענקאָוויטשער[110], ר׳ פסח מאלאסטאווקער ועוד מזקני החסידים התועדו יחד בהתועדות גדולה בשמחה רבה, ומתוך התרגשות גדולה עמד החסיד ר׳ אייזיק על רגליו ואמר בקול מחריד:

דעם אַלטן רבי׳נס חסידים האָבן גע־וואוסט וואָס מען וויל פון זיי און וואו זיי האַלטן. די איצטיקע חסידים ווייסן וואָס מען וויל פון זיי און ווייסן ניט וואו זיי האַלטן.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק הקשיב בהקשבה גדולה את ספורו של מורי הרשב״ץ ועיני קדשו זלגו דמעות, ואמר:

דאָס האָט געזאָגט דעם רבי׳נס אַ מחותן מיט פינף און פערציק יאָר צו־ריק. היינט וואָס זאָל מען איצטער זאָגן.

זה אמר הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק בשנת תרנ״ה בליובאוויטש, ומה נאמר אנחנו בשנת ת״ש בנויארק.

יא. בההמשך של המאמר[111] חייב אדם לברך מאה ברכות, בקיץ תרל״ח, אמר הוד כ״ק אאזמו״ר מוהר״ש מאמר ד״ה גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך. על שבת ההוא בא החסיד הרשד״מ[12] — ר׳ שמואל דובער משפיע. המאמר אף כי לא הי׳ גדול בכמות, ארך רק כשלשים וחמשה רגעים, אבל הי׳ רב האיכות. דודי הרמ״ל[112] — ר׳ משה ליב — ידע את המאמר טוב יותר מהוד כ״ק אאמו״ר ואחיו דודי הרז״א — ר׳ זלמן אהרן — ושמעו מאתו חזרה.

הוד כ״ק אאמו״ר הזמין את הרשד״מ לקידוש, ובשעת הקידוש שאל איזה עניני הסבר בהמאמר, ובסעודת ש״ק חזר הוד כ״ק אאמו״ר שנית את המאמר גל עיני ואז ידעו אותו היטב.

איש אחד הי׳ בבאריסאָוו ור׳ משה דוד שמו. מלאכתו עושה תנורים — מוליער — פשוט ואיש לא שם לבו אליו. ולהיותו מעדת החסידים הי׳ הולך — כמובן רגלי — פעם בשנתים לליובאוויטש, הי׳ מתעכב כשלשה שבועות וחוזר לביתו.

כל ימיו הי׳ נהנה מיגיע כפיו. בהילוכו לליובאַוויטש, כשהי׳ עובר דרך איזה אחוזה הי׳ מתקן תנור או כירים והי׳ מתפרנס מזה. וכשבא לליובאַוויטש וכספו אזל הי׳ הולך לימים אחדים אל איזה אחוזה של האדונים סביבות העיר ועוסק במלאכתו בכדי להרויח את פרנ־סתו בהיותו בליובאוויטש, אבל בעיר

108) ראה שיחת אחש״פ תרצ״ד.

109) הר״נ — בן ר׳ אברהם בירך מסמי־ליאן — תלמיד מובהק לרבנו הזקן. בזווג שני חתנו של הרה״ק ר׳ חיים אברהם (בנו של רבנו הזקן). תקנ״ב־תרי״ב. בעהמ״ס דברי נחמי׳.

110) רב בבעשענקאָוויטש, נעוועל, טשער־ניגאָוו. מחסידי אדמו״ר האמצעי ואח״כ אדמו״ר הצ״צ. ראה התמים ח״ג ע׳ כא.

111) נדפס בשם לקוטי תורה תורת שמואל שער חמישי.

112) ר׳ משה ארי׳ ליב גינזבורג מוויטעבסק חתנו של כ״ק אדמו״ר מוהר״ש נ״ע.

אוצר החכמה

גופא לא הי' חפץ בשום אופן לעסוק במלאכתו, שלא לנגוע ח"ו בפרנסתם של בעלי המלאכה בעיר.

נזדמן אשר בשבת הנ"ל הי' גם הוא — ר' משה דוד — בליובאַוויטש. וכשחזר הוד כ"ק אאזמו"ר שנית את המאמר גל עיני צוה להמשרת ר' פנחס ליב לקרא את ר' משה דוד שהי' יושב בבהכנ"ס — קליינער זאַל — ואומר תהלים.

כשמוע הרשד"מ את פקודת הוד כ"ק אאזמו"ר לקרא את ר' משה דוד מו־ליער, אמר: משה דוד איז מיינער אַ שטענדיקער הערער אָבער אַ קליינער מקבל.

הואיל כ"ק אאזמו"ר לאמר:

בא משה דוד'ן הערט די נשמה חסי־דות און משה דוד הערט וואָס די נשמה זאָגט.

כשנכנס רמ"ד התחיל כ"ק אאזמו"ר לומר את המאמר ורמ"ד עמד כל העת ושפתותיו מרחשן ופניו לבנים כסיד.

ביום השני בהשכמה, כשהי' הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק ביחידות אצל הוד כ"ק אאזמו"ר הרה"ק אמר לו: משה דוד איז אַ לא פסק פומי'דיקער איד. ער איז זייער אַ פּראָסטער. געבליבן אַ פינף יאָריקער יתום פון פאָטער און מוטער. צו צוועלף יאָר איז ער אַוועק אין דער אַרבעט, דעמאָלט האָט ער געקענט חמשה חומשי תורה און תהלים, און פון דעמאָלט אָן, א מעשה באַ זעכציק יאָר, איז טאָג און נאַכט, בחול ובשבת ויום טוב חזר'ט ער אויסוויינינק די ווערטער פון חמשה חומשי תורה און תהלים. משה דוד איז דער גרעסטער גביר אין אותיות התורה. משה דוד ·מיט זיין פשטות האָט איבערגעשטיגן אַ סך גאָר גרויסע משכילים און אויך אפילו בעלי עבודה. דאָס וואָס משכילים מאַכן מיט זייער השכלה און דאָס וואָס עובדים מאַכן מיט זייער עבודה, מאַכט משה דוד דער מוליער מיט זיין פשטות.

ביום הרביעי — מספר הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק — באתי בהשכמה לבהכנ"ס ומצאתי את הרשד"מ מתפלל — כי ביום ההוא הלך אל אהל כ"ק אדמו"ר צמח צדק, וביום שהי' הולך אל האהל הי' מתפלל בהשכמה — ואת רמ"ד עומד אצל התנור. זה הי' בקיץ והתנור הי' קר. רמ"ד עמד אצל התנור ידיו מפולשות לאחוריו, עיניו עצומות ושפתותיו נעות וקולו לא ישמע.

יב. במאמר של ר"ה תר"מ אמר הוד כ"ק אאזמו"ר מוהר"ש: הדביקות באלקות מצד האמונה שהוא ענין הפשטות שבישראל היא הדבקות בעצמות, מה שאין גבוה במעלה ממעלת הדבקות ע"י הפשטות. כי הדבקות הבאה ע"י איזה מדריגה כמו עבודה או הבנה והשגה הרי הדבקות היא רק באותה המדריגה שהיא באה ממנה, אבל הדבקות דפשטות באה מעצם הנפש, לכן היא מגעת — דערלאַנגט — אין עצם עצמותו ית' ויתעלה.

יג. כמה דרכים יש להחסידים בדרכי ואופני עבודתם, ישנם כאלו אשר התנהגו רק בהצנע ובדידות, וישנם שאופן עבודתם הי' בהתגלות בעבודה שבלב בקול מעורר הכוונה.

מספרים אשר החסידים הראשונים מאלו שהיו מתנהגים בהצנע ובמתינות הוה מרגלא בפומייהו: אם[113]) פגע בך מנוול זה, זה ענינו גילוי, זה אליין איז א מנוול — כוונתם לומר אשר כאשר העבודה היא בהתגלות ובהתרחבות אינה

113) ע"ד ל' הש"ס סוכה נב, ב.

עבודה אמיתית. וזהו אם פגע בך מנוול זה, דכאשר יש אצלך עדיין ענין ההתגלות וההתרחבות הנה זה עצמו הוא ענין של ניוול שצריכים לבערו.

יד. הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק מוהר״ש הי׳ מתרפא אצל הפראָפ. בער־טענסאָן שגר בפטרבורג, ובחדשי הקיץ הי׳ בא לאחוזתו הסמוכה לעיר ווי־טעבסק, ובמשך הקיץ הי׳ בא פעם לליובאוויטש לבקר את הוד כ״ק אאזמו״ר, ופעם הי׳ הוד כ״ק אאזמו״ר נוסע לוויטעבסק והי׳ מבקרו באחוזתו בקיץ.

בקיץ תרל״ד לקח הוד כ״ק אאזמו״ר את הוד כ״ק אאמו״ר בנסיעתו לווי־טעבסק לבקר את הפראָפ. בערטנסאָן.

נסיעה זו היתה השני׳ בחיי הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק.

עד איזה ימים לפני עונת הבר מצוה לא יצא הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק מחוץ לעיר ליובאוויטש, זולת בהזדמנות — לעתים רחוקות — נסיעת טיול איזה פרסאות מחוץ לעיר.

ביום השלישי ארבעה עשר לחדש מרחשון תרל״ד, קרא הוד כ״ק אאזמו״ר את הוד כ״ק אאמו״ר ואת אחיו כבוד דודי הרז״א ויאמר להוד כ״ק אאמו״ר:

בשבוע הבע״ל תגיע לעונת הבר מצוה למז״ט. תסע היום לכ״ק אחי, דודך בליאדי לקבל את ברכתו, ובטח יאמר איזה מאמר חסידות, וגם אתה — פנה הוד כ״ק אאזמו״ר לדודי הרז״א — תסע עמו, ותלינו שמה, ומחר לעת ערב תחזרו הביתה. ולהיות כי הדרך עכשו מקולקלת מריבוי גשמים וגם מעברות הנהר מסוכנות וצריכים זהירות, לכן תסעו רק בשעות היום.

בעת ההיא היו כשלשים אברכ״ם צעירים, ביניהם איזה בחורים, יושבים בליובאָוויטש, וביניהם יצחק משה בן אברהם חיים מוויעטקא, וחיים ברוך מזלאבין, אלי׳ משה מאפצוהע, — אשר מהם שמעתי את סדר הנסיעה והקבלת פנים וסדר הנסיעה חזרה — מהם בחר הוד כ״ק אאזמו״ר שנים עשר איש שגם הם יסעו, ויצו לרתום ארבעה סוסים במרכבה הגדולה ובה נסעו הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק וכבוד אחיו דודי הרז״א ושני המשרתים, ר׳ פנחס ליב ור׳ יוסף מרדכי והשנים עשר יושבים נסעו בשתי עגלות לבדם.

אוה״ח 1234567
אוצר החכמה

והנסיעה השני׳ היתה בחדש מנ״א תרל״ד.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק מספר בארוכה את כל פרשת הנסיעה שארכה כחמשה ימים מיום הראשון, שנים עשר לחדש מנ״א, עד יום החמישי, ששה עשר לחדש בערב שחזרו לליובאוויטש, והנני לספר בזה רק ענין אחד.

ביום הרביעי פרשת עקב שחל בו חמשה עשר באב, התאסף קהל רב בחצר אשר התאכסן בו הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק.

החצר היתה רחבת ידים ואילנות מפיצים צל צמחו בה. כעבור שעה קלה הביאו בימה גדולה מאחד הבתי כנסיות, ומשעה לשעה נתוספו אנשים בחצר ומבלי הבט שהחצר היתה רחבת ידים התחילו להרגיש דוחקא.

זקני החסידים ונכבדי העיר עלו לדירתו של הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק ויבקשוהו בשם כל העדה אשר יואיל לכבדם לצאת אליהם אל החצר ולומר מאמר חסידות כרגיל.

הוד כ״ק אאזמו״ר השיב אשר לרגלי חלישות בריאותו כבד לו לומר דא״ח, רק יצא אליהם לזמן קצר וידבר איזה דברים.

והקול נשמע כי בעוד איזה רגעים יבא הוד כ״ק אאזמו״ר.

כשבא הוד כ״ק אאזמו״ר ישב על המקום שהכינו לכבודו על הבימה, ואמר:

אין אגדות חז״ל און מדרש איז אָפט דער לשון, בנוהג שבעולם, אָדער דער לשון למה הדבר דומה, משל למלך, משל לבן מלך, משל לאחד שהי׳, וכדומה. דער עלטער זיידע טייטש [114]) אהבת עולם, אַן אהבה וואָס איז לקוחה מעניני עולם, דאָס הייסט אַ ליבשאַפט צו השי״ת וואָס איז מיט אַזאַ געפיל ווי מען פילט א אהבה אין וועלט זאַכן, דאָס הייסט אַז מען זאָל נוצן אויך אין עבודת השי״ת די וועלטלעכע פאַרשטענדלעכע לשונות.

אויף דעם וועלטליך־אידישן לשון זאָגט מען אָפט דאָס פאַסט און דאָס פאַסט ניט, פאַר דעם מהות מענטשן פאַסט אַזוי צו טאָן און פאַר אַן אַנדער מענטשן פאַסט ניט אַזוי צו טאָן.

דער לשון דאָס פאַסט און דאָס פאַסט ניט איז ניט דוקא אין דעם ענין פון טאָן — נאָר אויך אין דעם ענין פון דיבור, און אין דעם ענין פון מדות און אין דעם ענין פון פאַרשטיין.

פאַר דעם מהות מענטשן פאַסט ער זאָל אַזוי רעדן, און ער זאָל דאָס ניט פאַרשטיין און פאַר אַן אַנדער מהות מענטשן פאַסט ניט ער זאָל אַזוי רעדן, מיט רוגזא למשל ווייל דברי חכמים בנחת נשמעים, פאַר אַזאַ מהות מענטשן פאַסט ניט ער זאָל ניט פאַרשטיין אַזאַ ענין, פאַר אזא מהות מענטשן פאַסט ער זאָל יאָ פאַרשטייך אַ טיפן ענין.

בא יעדן אידן בכלל און בא חסידים בפרט באַדאַרף זיין דער רוחניות׳דיקער עס פאַסט און עס פאַסט ניט אַזוי צוגענומען ווי דער גשמיות׳דיקער עס פאַסט און עס פאַסט ניט.

פאַר אַ חסיד פאַסט ער זאָל יעדן טאָג לערנען אַ וואָרט חסידות. פאַר אַ חסיד פאַסט ער זאָל ליגן אין דעם צווייטנס טובה. פאַר א חסיד פאַסט ער זאָל זיין בשמחה, און נאָך מער ער זאָל זיין בטוב לבב צום צווייטן. פאַר אַ חסיד פאַסט אַז ער זאָל גוט זען די אייגענע חסרונות און דעם צווייטנס מעלות. פאַר אַ חסיד פאַסט ער זאָל האַלטן דעם קלענסטן און דעם פשוט׳סטן אידן בעסער פאַר זיך. פאַר אַ חסיד פאַסט ער זאָל זיך לערנען פון יעדערן זיין מדה און הנהגה טובה. פאַר אַ חסיד פאַסט אהבה אחוה און שלום וריעות.

פאַר אַ חסיד פאַסט ניט אַז ער לערנט ניט קיין חסידות. פאַר אַ חסיד פאַסט ניט אַז ער ליגט ניט אין דעם צווייטנס טובה. פאַר אַ חסיד פאַסט ניט אַז ער איז אין עצבות. פאַר אַ חסיד פאַסט ניט אַז ער זעט ניט די אייגענע חסרונות. פאַר אַ חסיד פאַסט ניט אַז ער האַלט זיך גרעסער פאַר דעם גרעסטן. פאַר אַ חסיד פאַסט ניט אַז ער לערנט ניט קיין דבר טוב פון דעם צווייטן. פאַר אַ חסיד פאַסט ניט אַז מען טראָגט אריין פירוד לבבות, אפילו צוליב דרכי החסידות.

אידן בכלל און חסידים בפרט באַדאַרפן אויסנוצן דעם וועלטלעכן עס פאַסט און עס פאַסט ניט אין עבודת השי״ת.

כשסיים הוד כ״ק אאזמו״ר את דברי קדשו אלה עמד ממקומו, ברך את הקהל וילך למעונו.

114) ראה תורה אור ד״ה חכלילי עינים וביאורו. ומכתב כ״ק מו״ח אדמו״ר הנדפס בסוף קונטרס העבודה.

טו. החסיד ר' דובער הערשמאַן מוויטעבסק והחסיד ר' שמואל ברין מוויטעבסק[115]) ספרו לי כי הם היו נוכחים אז — טו מנ"א תרל"ד — כשדבר הוד כ"ק אאזמו"ר את דברי קדשו עס פאַסט און עס פאַסט ניט.

בשעה שדיבר כ"ק את דברי קדשו הי' קולו הקדוש נשמע לכל אחד ואחד מהעומדים שמה ורובם געו בבכי' חרישית.

הר"ש ברין אמר לי בלשון הזה: עס איז געווען אַ אמת'ר יום כפור'דיקער רוח, עס איז מקוים געוואָרן וואָס די משנה זאָגט *) לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים.

הר"ד הערשמאַן אמר לי בלשון הזה: די פופצן־צוואַנציק מינוטן וואָס דער רבי האָט גערעט האָט אונז אָפּגערייניקט און אָפּגעוואַשן, הלואי ערב יום כפור נאָך דעם מנחה'דיקן על חטא. דעמאָלט האָבן מיר דערפילט וואָס איז רבי.

טז. הר"ד הערשמאַן הי' גביר בעל בתי חומה ומסודר בעניניו הגשמי', בעל צדקה לפי ערך השגת בני וויטעבסק, האָט געהאַט אַ שטאַרקע האַרץ, רחוק מאד מאד מבעל לב נשבר, און אַז אים האָט דערנומען אַז ער ווינשט זיך אַז אַ ערב יום־כפור'דיקע מנחה זאָל מאַכן אַזוי ריין ווי יענע הייליקע ווערטער, קען מען זיך משער זיין את הרושם הגדול שעשו דבורי קדש הנ"ל.

## ש"פ שלח, בסעודת היום[116])

א. בא הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק איז געווען אַ סדר, אַז ער פלעגט ריידן מזמן לזמן וועגן די פאַרשידנאַרטיקע חסידים צווישן חסידי חב"ד: בעלי מוחין, בעלי מדות טובות, אויסגעהאַרעוועטע בעלי מדות טובות, אויסגעאַרעוועטע בעלי מוחין, אויך פאַרשידנאַרטיקע בעלי הנהגה, פריילעכע און כמורנע. כ"ק אאמו"ר הרה"ק פלעגט מונה שבחם זיין און מסיים זיין אַז יעדער פון זיי, בלי פלוג ווי זיין אופן עבודה איז געווען, האָט געטאָן מיט אַלע זיינע כחות הנפש וועלכע זיינען בא זיי תמיד געווען בהתגלות. און הגם עס זיינען געווען צווישן זיי פאַרשידנאַרטיקע כאַראַקטערן, בטבע השמחה או המרירות, זיינען זיי אָבער אַלע געווען ערנסט.

הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק פלעגט מיר אַלעמאָל מבאר זיין די פאַרשידנאַרטיקייט פון אַ געבאַרענעם בעל מוחין אָדער בעל מדות און פון אַ אויסגעאַרעוועטן בעל מוחין ובעל מדות, און פלעגט זיך משתדל זיין מבאר זיין די מעלת העבודה, אַז דער עיקר העבודה בדרך החסידות איז משנה צו זיין די געבאַרענע מוחין און מדות דורך עבודה, און פלעגט מסיים זיין אַז אַ געבאַרענער בעל מוחין טובים און בעל מדות טובות איז נאָך אַ גרעסערער בעל חסרון ווי אַ בעל מוחין ומדות רעות. דער בעל חסרון ווייס אַז ער איז אַ בעל חסרון, איז על פי דרך הטבע איז אַ חולה זיך עוסק אין רפואות, און אַז מען איז זיך עוסק אין רפואות

---

115) ראה אודותו התמים ח"ז ע' קג ואילך.

*) סוף תענית.

116) רשימת אחד השומעים — שכתב בפרטיות — והוגהה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א ובנוסחא אחרת קצת מהמסופר לעיל 135 ואילך.

העלפט השי"ת און מען ווערט געזונט. אָבער אַז מען ווייס גאָר ניט אַז מען איז אַ חולה איז זייער ביטער.

אויף אַ שפּאַציר אין ראָסטאָוו ביים דאָן, ביום ג' ט' אדר שני תרע"ו האָט הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק דערציילט וועגן צוויי עלטערע חסידים, ביידע מלמדים אין לעכעוויטש: ר' משה דובער, אַ געבאַרענער אין לעכעוויטש און ר' ישראל דובער, אַ געבאָרענער אין האמליא און אַ לעכעוויטשער איי־דים. החסיד ר' משה דוב איז געווען עלטער פאַר החסיד ר' ישראל דוב. ער איז נאָך געווען באַ כ"ק אדמו"ר הזקן. החסיד רי"ד איז תחלת שמושו געווען באַ כ"ק אדמו"ר האמצעי. ביידע זיינען זיי געווען גרויסע בעלי השגה און בעלי עבודה, נאָר חלוקים בטבעם: הרמ"ד איז געווען בטבע השמחה און הרי"ד איז געווען בטבע המרירות.

איינמאָל זייענדיק באַ כ"ק אדמו"ר האמצעי אין ליובאַוויטש זאָגט ר' משה דוב צו ר' ישראל דוב: איך ווייס ניט וואָס טוט זיך מיט אייך, ווען מיר האָבן געדאַוונט זיינען מיר ניט אַוועק פון דאַוונען ביז מיר האָבן עפּעס אויפגע־טאָן מיט זיך, אָבער איר, איר דאַוונט און דאַוונט, פּאַטשט מיט די הענט און קלאַפּט מיט די פיס און שטייט אויף אין אָרט.

דעם אַלטן רבי'נס חסידים האָבן זיך ניט מסתפק געווען מיט תורה ויראת שמים.

ב. דער אַלטער רבי האָט שטאַרק מעורר געווען אויף דעם ענין הצדקה. דער רבי האָט מעורר ומגלה געווען אין חסידים דעם כח ההשפעה בטוב עין.

ביים אַלטן רבי'ן איז געווען אַ חסיד ר' צדוק. ר' צדוק פלעגט חזר'ן משניות בע"פ. ווען ער פלעגט גיין צופוס אין די דערפער פלעגט ער אויך חזר'ן משניות. ער פלעגט ארומגיין אין די פריצישע הויפן קויפן און פאַרקויפן פאַרשידענע זילבער און גאָלד חפצים, איז אַז ער פלעגט פאַרדינען אַ ביסל מער פון כדי חיונה פלעגט ער זאָגן, מן הסתם דאַרף אָנקומען אַ שליח אָדער אַ בריוו פון רבי'ן אַז מען באַדאַרף האָבן געלט אויף פאַרשידענע עניני צדקה האָט מען מיר מן השמים מזכה געווען מיט מער פרנסה.

ג. כ"ק אדמו"ר הזקן האָט מדריך געווען חסידים, ניט נאָר אין עניני עבודה בתורה ותפלה ותקון המדות נאָר אויך אין הנהגת הבית. די הנהגה פון רבינו הזקן מיט חסידים איז גע־ווען אין אַלע פרטי ענינים, ווי מען דאַרף מכבד זיין די פרוי און מדריך זיין אין הנהגת הבית און ווי מען דאַרף מדריך זיין די קינדער בהשגחה גדולה.

רבינו הזקן האָט געזאָגט חסידים אַז מען זאָל זיך פירן אין הוצאת הבית, אין עסן און הלבשה, בדרך המיצוע און האָט מזהיר געווען חסידים צו היטן זיך פון קמצנות און פזרנות, אויך אפילו אין עניני צדקה וגמילות חסדים, וואָס דער רבי האָט געהאַט גרויסע הצטרכות'ן אויף החזקת הכולל שיסד באה"ק ת"ו אויך לצרכי הסתדרות בני הישוב מחסידי חב"ד, האָט דער רבי מדריך געווען חסידים אַז יעדער זאָל געבן לפי פרנסתו, ניט מכביד זיין אויף זיך.

דער רבי האָט מדריך געווען חסידים אין אַלע ענינים.

החסיד ר' ירמי' פלעשטשעניצער, אַ רייכער קרעמער, אַ שטאַרקער מפונק אין עסן און לבושים איז געווען אַ

סוחרישער עובד, האָט אַ סך געלערנט און געשמאַק געדאַוונט און געגעבן גרויסע נדבות אויף דעם רבי׳נס צדקות. איינמאָל זייענדיק ביים רבי׳ן אויף יחידות האָט ער זיך באַקלאָגט אַז הגם ער לערנט און דאַוונט ווי עס באַדאַרף צו זיין אָבער עס פעלט אים דער חיות אין השגה און התפעלות הלב.

האָט אים כ״ק רבינו הזקן געזאָגט: פון וואַנען זאָלסטו האָבן חיות אין השגה און התפעלות הלב בעבודה פון די ווייסע בולקע וואָס דו עסט בימי החול אָדער פון די גוטע קליידער וואָס דו טראָגסט בימי החול. כל ענין החסידות איז להגביר הצורה על החומר.

אה״ח 1234567

ד. אידן פון דעם פריערדיקן דור האָבן געוואוסט דעם ריכטיקן טייטש פון דעם מאמר מנהג ישראל תורה הוא. מנהגי ישראל זיינען שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן באַ אידן, אָן אונטערשייד פון בני תורה אָדער פּראָסטע אידן, מענער, פרויען און קינדער, נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן האָבן געוואוסט מנהגי ישראל און האָבן זיי שטאַרק אָפּגעהיט מיטן גרעסטן הדרת קדש. יעדער איינער, אָן אונטערשייד רייך אָדער אָרעם, הן אין גשמיות און הן אין ידיעה, האָט געוואוסט אַז מנהגי ישראל, לבד זאת וואָס יסודם בהררי קדש און לבד זאת וואָס מנהגי ישראל זיינען תורה, האָט דער כלל ישראל געוואוסט אַז מנהגים זיינען דער הדרת ישראל. דער כלל ישראל, אָן אונטערשייד אנשים ונשים, תורה אידן אדער פשוטע אידן, אַלט און יונג זאָגאַר קינדער האָבן געוואוסט אַז זיי זיינען דער עם הנבחר און יעדער איינער האָט פּנימיותדיק שטאָלצירט מיט דעם און האָט געטאָן אַלעס וואָס מעגליך צו זיין אַ ריכטיקער בן אָדער בת פון דעם עם הנבחר.

ה. הוד כ״ק אאזמו״ר מוהר״ש פלעגט חול המועד סוכות אין אן אָוונט פּראַווען אַ שמחת בית השואבה פאַרברייינגען.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האָט געזאָגט: ביים טאַטן איז אין אַלע ענינים הן בדבור והן בכתב געווען דער ענין פון מועט המחזיק את המרובה, וואָס אַזוי איז דער סדר פון אַ פּנימי און בפרט אַ עצמי. אַ פּנימי באַדאַרף ניט קיין הקדמות און הצעות, אַ פּנימי גייט צו גלייך צום עיקר אָן הקדמות, און בפרט אַ עצמי. דער יתרון המעלה פון אַ פּנימי אויף אַ עצמי איז אין דעם, וואָס אַ פּנימי איז א מסביר בטעמי השכלה און א עצמי איז א מאיר.

אוצר החכמה

דעם טאַטנס — המשיך כ״ק אאמו״ר הרה״ק — ענינים זיינען געווען אין דער דרגא פון מועט המחזיק את המרובה. מועט אין זמן און אין ווערטער און מרובה אין אור, און דער מועט אין זמן האָט מחזיק געווען דעם מרובה אין אור.

פון דעם טאַטנס אור איז באַ דעם מקבל השומע געוואָרן מאור, דעם טאַטנס אַ וואָרט האָט דעם חסיד המקבל באַלויכטן און אויפגעדעקט באַ אים דעם אור הנשמה.

דער טאַטע — המשיך כ״ק אאמו״ר הרה״ק — רעט פּיסקא פּיסקא. יעדער פּיסקא איז א אור פּנימי און א אור עצמי פון א מאמר ארוך ומסודר אין השכלה, הסברה און עבודה. יעדע פּיסקא איז געווען אַ סדר פאַר דעם שומע המקבל בפנימיות אין דרך החיים פון עבודת החסידים אויף יאָרן.

ו. איינער פון די פתגמי הקדש וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט —

אה"ח 1234567

המשיך כ"ק אאמו"ר הרה"ק — ביים שמחת בית השואבה פאַרברייינגען, חול המועד סוכות תרל"ח איז דער פאָל־גענדער מאמר:

אוצר החכמה

האדם באשר הוא אדם, באַדאַרף זיך בכל עניניו וסדר הנהגתו רעכנען מיט דעם צי עס פּאַסט צי עס פּאַסט ניט, און דער עס פּאַסט ניט פון רוחניות דאַרף על כל פנים זיין ווי דער עס פּאַסט ניט פון גשמיות.

עס פּאַסט ניט אַז א בעה"ב זאָל ניט לערנען יעדן טאָג קיין גמרא, גלייך ווי עס פּאַסט ניט זיין אָנגעטאָן אין ניט שיינע קליידער.

עס פּאַסט ניט אַז אַ חסיד זאָל ניט לערנען יעדן טאָג אַ פּרק תניא.

עס פּאַסט ניט אַז אַ חסיד זאָל ניט ליגן אין תיקון המדות, לא מיבעי' אַז מען טוט ניט מיט אַ תוקף אין דער העברה פון מדות רעות, נאָר אויך פּאַסט ניט פאַר אַ חסיד אז מען טוט ניט אין דעם עילוי המדות.

עס פּאַסט ניט פאַר אַ חסיד ער זאָל ניט זיין קיין עוסק אין עבודת התפלה. מען מיינט ניט פּאַטשן מיט די הענט און קנאַקן מיט די פינגער נאָר טאָקע דאַוונען מיט אַ התקשרות, וואָס דער־מאָלט שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם חב"ד ניגון די ריכטיקע געגועים צו אַ הרגש אלקי.

עס פּאַסט ניט פאַר אַ חסיד צו זיין מסור ונתון אין עניני מסחר, ווער רעט אויב דורך דער טרדא אין עניני מסחר פאַרגעסט ער חלילה אויף דעם אמת הגמור אַז ברכת ה' היא תעשיר.

עס פּאַסט ניט פאַר אַ חסיד אז ער איז ניט עוסק אין עבודה פון קריאת שמע שעל המטה און ווערט אַנטשלאָפן מיטן גאַנצן שטויב אָדער אפילו מיט דער בלאָטע פון עבודת היום און עס חלומ'ן זיך די מילי דכדיבין מיט וואָס דער ממונה על החלומות איז אים מכבד.

איינע פון דעם אַלטן רבי'נס סדרי הנהגה פאַר חסידים איז אַז חסידים זאָלן מאַכן אַ חסידישן פאַרברייינגען. אין דעם פאַרברייינגען באַדאַרפן אַלע חסידים כעשיר וכעני, הן אין גשמיות און הן אין רוחניות, זיך משתתף זיין און דער כח הרבים ווי אויך דער זכות און הבטחת ברכה פון רבינו הזקן זיי־נען בעזרת החסידים.

ז. דעם טאַטנס פאַרברייינגען — המשיך כ"ק אאמו"ר הרה"ק — פלעגט מעורר זיין דעם כח הנשמה באַ דעם שומע, אַז יעדער לפי מהותו האָט באַ זיך געמאַכט אַ החלטה אין תיקון העבר און אין סדר הנהגת אויף להבא.

איך וויל — אמר לי הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק — אַז דו זאָלסט האָבן אַ מושג אין דעם אופן הפעולה ווי אַ עצמי איז פועל, אַז פון דעם קורצן שמחת בית השואבה פאַרברייינגען איז מען אַרויס מיט אַ תשובה און עבודה החלטה יעדער לפי ערכו.

איינער פון די אורחים איז דאָן גע־ווען אַ פּאָלאָצקער רייכער קרעמער, חיים בעמעסאָוו האָט מען אים גערופן, א איינגעפונדעוועטער בעה"ב זאָט אין בני חיי ומזוני, און פון דער שמחת בית השואבה רייד איז ער געווען אַ צו־בראָכענער.

ח. צום זיידן מוהר"ש פלעגט קו־מען אַ איד, ר' משה דוד מוליער האָט מען אים גערופן, ער איז געווען אַ בעל מלאכה, געקענט לערנען נגלה און חסי־דות און אפילו בשעת דער אַרבעט איז געווען לא פסיק פומי' מגירסא, ער פלעגט דאָן זאָגן תהלים בעל פה.

האט דער זיידע מוהר״ש אויף אים גע־זאגט אז ער שטייט אין א העכערער דרגא פון ר׳ שמואל בער באריסאווער. אז ר׳ משה דוד עסט א שטיקל הארטן ברויט מיט זאלץ מיטוואך אין דער פרי נאכן דאווענען און דערנאך טוט ער זיין מלאכה זאגנדיק תהלים האלט ער בא תשובה אמיתית.

אוה״ח 1234567 אוצר החכמה

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האט מיר דערציילט אז חגה״ש תר״מ זיינען גע־ווען אין ליובאוויטש ר׳ שמואל בער באריסאווער און רמ״ד מוליער, זיי האבן דאן פארבראכט אין ליובאוויטש א פאר וואכן האב איך זיך שטארק צו־געקוקט ווי ביידע דאווענען. און איך האב מער מקנא געווען ר׳ משה דוד׳ן ווי ר׳ שמואל בער׳ן. והוסיף: וואס צו דעם קען מען צוקומען נאר דורך דעם אפלייג אין דער פשיטות ההשכלה אין חסידות. ניט אלץ באדארף מען וועלן פארשטיין בדרך הלבשה מיט הסברים פון שכל. דער אמת איז אז צו הלבשה קען מען קומען נאר דורך אמונה פשוטה אין תורת החסידות, ניט וועלן אלץ מלביש זיין אין לבושי השגה.

ט. שבת פרשה בלק תרנ״ה בנאות דשא באליווקא בסעודת שחרית האט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק געבעטן מורי הרשב״ץ צו דערציילן דאס וואס ער גע־דענקט פון זיינע ערשטע יארן ווען ער איז געקומען אין ליובאוויטש.

מורי הרשב״ץ האט דערציילט פון איין ווארט וואס דער רבי צמח צדק האט דאן געזאגט און פון א חסידישן פאר־ברייינגען.

דער ספור וועגן צמח צדק איז גע־ווען, אז דער רבי איז געווען אין א שטארקער שמחה און האט געזאגט דעם מאמר משיח אתא לאתבא צדיקיא בתיובתא, און האט מסיים געווען אז משיח וועט מעורר זיין בא צדיקים דעם קו התשובה אז צדיקים זאלן און וועלן תשובה טאן, א עלי׳ אין השגה אלקית מדרגא לדרגא וואס אין דער פריערדי־קער מינוט איז מען ניט געשטאנען אין דעם מצב.

אויף דער חתונה פון הוד כ״ק אאזמו״ר הרה״ק מהר״ש מיט דער באבן הרבנית מרת רבקה זיינען אויך געווען ר׳ הלל און ר׳ אייזיק און געמאכט א פארברייינגען. האט ר׳ אייזיל געזאגט: פריערדיקע חסידים האבן געוואוסט וואס מען מאנט פון זיי און וואו זיי האלטן. היינט, וואס פאר א הבנה מען מאנט ווייס מען, נאר וואו מען האלט ווייס מען ניט. און האט גע׳חלש׳ט.

ר׳ פסח מאלאסטאווקער האט געזאגט א הסבר אויף ר׳ אייזיל׳ס ווערטער אז דאס איז ע״ד ווי ואיני יודע באיזה דרך מוליכין אותי [117].

ווען דער טאטע האט געהערט דעם ספור המעשה האבן זיך געגאסן צוויי טרערן פון זיינע אויגן.

דאס איז געווען אין באליווקא תרנ״ה. היינט איז אין נויארק ת״ש.

פאר מחשבה זיינען ניט פאראן קיין גדרים, מיט מחשבה קען מען זיך שטעלן אין יאר תרנ״ה. נאר פונדעסט־וועגן אן מעשה איז גאר ניט.

מיר זעען ווען איינער טראכט וועגן מאכן א כלי, אפילו א סך מחשבות, וועט פון דעם קיין כלי ניט ווערן. אבער אז איינער מאכט די כלי, הגם ער ווייס ניט אזוי גוט ווי צו מאכן, אבער צום צווייטן מאל וועט ער שוין מאכן בעסער. משא״כ

117) ברכות כח, ב.